בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון י"ד

פרשת נשא ב' (באר"י בהעלותך) תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס; אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵק זַיין, אִיךְ וֵויס אַז דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער אִיר זָאלְט וִויסְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיבְן אִין הִימְל הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַלְאָכִים, פִינְקֶען פֵייעֶר, וָואס טוּעֶן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט, זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ נִישְׁט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט וואוּ מֶען דַארְף זִיךְ מוּטְשֶׁען, מֶען הָאט אַ יֵצֶר הָרָע מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ צוּ זֶען וִוי מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן און מֶען טוּט גוּטֶע זַאכְן.

### קוּמְט אִין חֵדֶר מִיט שִׂמְחָה

אִיךְ בֶּעט אַייךְ קוּמְט אִין חֵדֶר און אִין סְקוּל מִיט אַ שִׂמְחָה! אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, עֶר בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אִים שְׁרַייבְּן חִיזּוּק, וַוייל דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט גֵייט עֶר אַרַיין אִין כִּתָּה אָן אַ טַעַם, גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט, הָאבּ אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל שַׁארְף, אִיךְ הָאף אַז עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:

אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט וִויל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי אוּנְז וַוייטֶער מְלַמֵּד, עֶנְדֶערְשׁ רוּף מִיר אָן אַז דוּ זָאגְסְט זִיךְ אָפּ פוּן מְלוּמְדוּת, עֶס וֶועט מִיר זֵייעֶר נִישְׁט שְׁמֶעקְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אִיךְ וִויל נִישְׁט מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען מִיר טוּן טוֹבוֹת, וַוייל דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען נִישְׁט דִי קִינְדֶער דִי רִיכְטִיגֶע חִינוּךְ[1].

### לִיבּ הָאבְּן אַלֶע תַּלְמִידִים

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס! אִיךְ בֶּעט אַייךְ בְּרַחֲמִים; אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער אִיר גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי וִוי מַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל זֵיי זֶענֶען דָאךְ מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (סַנְהֶדְרִין יט:)**: 'כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ'".**

אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס קִינְד דַארְף אִים לִיבּ הָאבְּן וִוי אַן אֵייגְן קִינְד; מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'דֶער קִינְד אִיז אַ...' 'אִיךְ וָואלְט אִים צֶערִיסְן'... אַז מֶען טְרַאכְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ קִינְד דַארְף מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן כִּתָּה, מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי זִיצְן אִין כִּתָּה! מֶען מוּז לִיבּ הָאבְּן יֶעדְעס קִינְד! מַאךְ צוּ דַיינֶע אוֹיגְן און טְרַאכְט עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף דֶעם קִינְד, טְרַאכְט אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם קִינְד.

### אַ סִכְסוּךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר עֶלְטֶערְן 'גֶעבּ עֶפֶּעס פַאר דֶער מְלַמֵּד פוּן דַיין זוּן', זָאג אִים: "**שְׁכֹּחַ**", אַזוֹי וֶועט עֶר מָארְגְן אֶפְשָׁר זָאגְן פַאר דַיין קִינְד: **"בִּיסְט אַזַא חָשׁוּב קִינְד!"**... מֶען זֶעט וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אַ קִינְד אִיבֶּער נַאכְט פוּן אַ שְׁכֵנָה אָדֶער מִשְׁפָּחָה, אוֹיבּ הָאט מֶען לִיבּ דִי עֶלְטֶערְן קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיפְ'ן קִינְד, מֶען רֶעדְט מִיטְ'ן קִינְד, מֶען טוּט אִים אָן און מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין בֶּעט מִיט וַוארֶעמְקֵייט, און אַז מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי מַאמֶע טוּט מֶען עֶס אָן טַעַם, דֶערְפַאר הָאף אִיךְ אַז דִי מְלַמְּדִים הָאבְּן לִיבּ דִי עֶלְטֶערְן פוּן אַלֶע קִינְדֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס אַ סִכְסוּךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ טַאטֶע, וַוייל נָאכְדֶעם קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן עֶר זָאל גֶעבְּן אַ צִיפּ פַאר יֶענֶעמְ'ס קִינְד, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן בְּלוֹיז צוּלִיבּ חִינוּךְ...

### דִי קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן און וַוארְטְן

נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט מִיר אַ טַאטֶע אַז זַיין זוּן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר מִיט אַ בָּאטְל גְרֶעיפְּדְזְשׁוּס מִיט אַ סְטִיקֶער וָואס שְׁטֵייט דֶערוֹיף אַז עֶר אִיז דֶער אוֹיסְגֶעצֵייכְנְסְטֶער אִינְגְל פוּן כִּתָּה. פַארְיָאר הָאט עֶר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ גְרֶעיפְּדְזְשׁוּס אָבֶּער הֶערְשְׁט דִי לֶעצְטֶע וָואךְ פוּן יָאר, דֶער מְלַמֵּד הָאט שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, אָבֶּער זַיין זוּן פַארְגֶעסְט דָאס נִישְׁט. עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרַאכְט מִיךְ אָנְצוּרוּפְן פְרֶעגְן אֶפְשָׁר זָאל זַיין זוּן בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר, **"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אַנְטְקֶעגְן דִי חֵדֶר אָבֶּער פַארְוָואס דַארְף עֶר גֵיין אִין חֵדֶר? עֶר אִיז נַיין יָאר**

<<<

1 בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אִין הִימְל אוֹיף אַ מְלַמֵּד - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג: **"אַ מְחַיֶּ' אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד!"** וָואלְסְט גֶעדַאנְקְט און גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זְכוּת צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ טוּ דָאס שׁוֹין כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ד לֶערְן אִיךְ תּוֹרָה מִיט בָּחוּרִים, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס דִי זִיסְטֶע זַאךְ, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ; אִיךְ וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּישְׁט מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִין דִי וֶועלְט. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כז, ד): **"שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי"**, אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען זִיצְן אִין בֵּית הַשֵּׁם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

לָאז מִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט זַיין אַ מְלַמֵּד, וַוייל אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט - וִויל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי אוּנְז וַוייטֶער מְלַמֵּד; אִיךְ וִויל מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**אוּן אִיז שׁוֹין זֵייעֶר עֶרְוַואקְסְן, פָּארִיגֶע וָואךְ הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז שַׁבָּת אִיז זַיין בֶּעסְטֶע טָאג, עֶר קֶען זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וָואס פֶּעלְט אִים אוֹיס חֵדֶר?"** אָבֶּער וִוי נָאר דֶער קִינְד הָאט בַּאקוּמֶען אַ גְרֶעיפְּדְזְשׁוּס גְלַייךְ אָנְהֵייבּ יָאר, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר וִויל שׁוֹין גֵיין אִין חֵדֶר.

אַ מְלַמֵּד וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק דִי קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן 'קוּק אוֹיף מִיר', 'טְרַאכְט פוּן מִיר', 'רוּף מִיךְ אַרוֹיס אִיךְ זָאל אוֹיסְטֵיילְן צֶעטְלֶעךְ', 'לָאז מִיךְ עֶפֶּעס זָאגְן אוֹיף דִי מֵייק', אַלֶע קִינְדֶער סַיי יוּנְגֶערֶע אוּן סַיי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אֵיינִיג מִיט דֶעם, אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף אַ שְׁמֵייכְל אוּן גוּט וָוארְט פוּן דֶער רֶבִּי, בִּפְרַט בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִיז עֶס גָאר שְׁטַארְק, זֵיי טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם 'צִי דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ לִיבּ', אוּן אַז עֶר פִילְט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ וִויל עֶר שׁוֹין גֵיין אִין חֵדֶר.

### אֵיין תַּלְמִידָה דַארְף מִיךְ נִישְׁט...

פַארְיָאר הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אֵיינֶע פוּן דִי לֶערֶערִינְס, זִי שְׁרַייבְּט מִיר: **"עֶס אִיז אַזוֹי גוּט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין סְקוּל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵיין תַּלְמִידָה וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁפַּראךְ צוּ אִיר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּק אוֹיף אִיר קוּקְט עֶס אוֹיס וִוי זִי דַארְף מִיךְ נִישְׁט"**, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן, וָואס הֵייסְט דִי תַּלְמִידָה דַארְף דִיךְ נִישְׁט? עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ! יֶעדֶע תַּלְמִידָה דַארְף אַ גוּט וָוארְט, קֶען זַיין זִי דַארְף נָאכְמֶער וִוי אַנְדֶערֶע; וֶוען מֶען גֶעבְּט אֵיינֶעם אַ מַתָּנָה אוּן יֶענֶער זָאגְט **"אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי מַתָּנָה"**, מֵיינְט עֶס אַז עֶר דַארְף עֶס גָאר שְׁטַארְק, נָאר עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען...

דֶעם זֶעלְבְּן טָאג בַּאקוּם אַ בְּרִיוו פוּן יֶענֶע תַּלְמִידָה (וָואס דִי לֶערֶערִין זָאגְט אַז זִי דַארְף אִיר נִישְׁט), שְׁרַייבְּט זִי מִיר: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מַיין טִיטְשֶׁער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זִי זָאל קוּקְן אוֹיף מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ בֶּעבִּיסִיטְן אִיר קִינְד, זִיךְ אָנְרוּפְן אִין כִּתָּה כְּדֵי זִי זָאל קוּקְן אוֹיף מִיר, אוּן זִי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג, זִי דַארְף מִיךְ נִישְׁט אִין קְלַאס"**. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶס קֶען זַיין צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, בֵּיידֶע וַוארְטְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן בֵּיידֶע רֶעדְן זִיךְ אֵיין אַז דֶער צְוֵוייטֶער דַארְף אִים נִישְׁט.

דִי וואוּנְדֶער אִיז נָאר, מֵילָא אַ פֶּערְצְן יֶערִיג קִינְד טְרַאכְט אַז אִיר לֶערֶערִין דַארְף אִיר נִישְׁט, אִיז נִישְׁט אַזוֹי מָאדְנֶע, אֲפִילוּ גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוערְט מֶען אוֹיס 'קְטַנָּה' בַּיי דִי צְוֶועלְף יָאר, אִיז זִי נָאכְנִישְׁט גֶעוָוארְן דֶערְוַואקְסְן, אָבֶּער פַארְוָואס זָאל דִי לֶערֶערִין טְרַאכְטְן אַז 'דִי תַּלְמִידָה דַארְף מִיךְ יָא' אוּן 'דִי תַּלְמִידָה דַארְף מִיךְ נִישְׁט'?!

### אֲנִי מַאֲמִין אַז אַלֶע דַארְפְן מִיךְ...

עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן אַז דִי תַּלְמִידָה קוּמְט בֶּעטְן דֶעם גוּט וָוארְט, זִי שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אִיר פָּנִים: **"גֶעבּ מִיךְ אַ גְלֶעט"**, אוּן דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידָה גֵייט אַרוֹיס נָאכְ'ן שִׁיעוּר אוּן זִי מַאכְט זִיךְ אַזוֹי וִוי זִי דַארְף אַייךְ נִישְׁט; עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז זִי דַארְף אַייךְ טַאקֶע נִישְׁט. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז אַלֶע תַּלְמִידוֹת דַארְפְן מִיךְ יָא! 'אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז יֶעדֶעס קִינְד וָואס אִיז דָא אִין כִּתָּה דַארְף מַיין גוּט וָוארְט'.

### זַיינֶע גֶעפִילְן זֶענֶען פַארְמַאכְט

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף גוּטֶע וֶוערְטֶער, דֶער חִילוּק אִיז נָאר, קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייזְן שְׁנֶעלֶער אַרוֹיס וִוי שְׁטַארְק זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ גוּט וָוארְט; מַיין מַאמֶע הָאט מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֶען אִיךְ נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז אֵיינֶער זָאגְט מִיר: **"שְׁכּוֹחַ"**, **"דָאס דַאוֶוענֶען אִיז זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען"**, **"אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם נִיגוּן"**, זָאג אִיךְ אִים צוּרִיק: **"יְיַשֵּׁר כֹּחֲכֶם"**, אִיךְ קֶען עֶס הֶערְן.

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער אִינְדֶערְהֵיים, וִויל אַז קֵיינֶער זָאל אִים נִישְׁט זָאגְן "שְׁכּוֹחַ" וֶוען עֶר דַאוֶוענְט פַארְ'ן עָמוּד, זַיינֶע גֶעפִילְן זֶענֶען פַארְמַאכְט, עֶר עֶסְט זִיךְ אוֹיף אִינֶעוֵוייניג. אָבֶּער עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער קִינְד דַארְף טַאקֶע נִישְׁט דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶר וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס אוֹיפְצוּנֶעמֶען.

### אִין אָנְהֵייבּ אִיז שְׁוֶוער

קֶען זַיין אַז אִין אָנְהֵייבּ, פַאר אַ פְרִישֶׁער מְלַמֵּד, פַאר אַ פְרִישֶׁע לֶערֶערִין אִיז עֶס אַבִּיסְל שְׁוֶוער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס דֶער מַאן אוּן וַוייבּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער - אִיז עֶס נָאךְ שְׁוֶוערֶער, מֶען קוּמְט אַהֵיים זֵייעֶר אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, וַוייל אִין אָנְהֵייבּ קוּקְט מֶען נָאךְ פוּן דִי זַייט וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מַצְלִיחַ, צִי זַאכְן וֶוערְן בֶּעסֶער, מֶען קוּקְט אוֹיבּ אִיז דָא וואוּ דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין, דֶער מְנַהֵל דַארְף נָאךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם פְרִישְׁן מְלַמֵּד גֶעוִויסֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, מֶען קֶען זִיצְן רוּאִיג אוּן מִיט אַפָּאר טְרִיקְס כַאפְּט מֶען דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אַמָאל מִיט קֶענְדִיס, אַמָאל מִיט טִיקֶעטְס, אָדֶער מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען מֶען בַּאשְׁטִימֶען דִי וואוֹילֶע קִינְד פַאר גַבָּאִים.

אֵיינְמָאל מֶען כַאפְּט דִי מַהֲלָךְ וִוי צוּ פִירְן אַ כִּתָּה אִיז עֶס מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה.

וָואס קֶען זַיין בֶּעסֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

שְׁטַארְקְט זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה.

**פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

# חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### אַ לַאנְגֶע - קוּרְצֶע וֶועג

#### דֶער אִינְגְל הָאט מִיר בַּאזִיגְט

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נג:) דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה הָאט דֶערְצֵיילְט: אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ אִינְגְל פְרֶעג אִיךְ אִים: **"וואוּ אִיז דֶער וֶועג אַרַיין צוּ גֵיין אִין שְׁטָאט?"** זָאגְט מִיר דֶער קִינְד: **"רֶבִּי, עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן, עֶס אִיז דָא אַ קוּרְצֶע וֶועג וָואס נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס זֵייעֶר לַאנְג, אוּן עֶס אִיז דָא אַ לַאנְגֶע וֶועג מֶען דַארְף אַרוּמְגֵיין דִי גַאנְצֶע וַואלְד אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס זֵייעֶר קוּרְץ"**, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט, עֶס אִיז לַאנְג אָדֶער קוּרְץ?"** הָאט מִיר דֶער קִינְד מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "עֶס אִיז דָא אֵיין וֶועג וָואס מֶען קֶען עֶס זֶען פוּן דָא, עֶס אִיז זֵייעֶר נָאנְט, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אִיז דָא אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וואוּ מֶען קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט דוּרְךְ גֵיין, מֶען זִינְקְט אַיין, מֶען דַארְף זִיךְ מוּטְשֶׁען טֶעג, וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים בִּיז מֶען גֵייט עֶס דוּרְךְ, נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פוּן דָארְט זֶען דֶעם שְׁטָאט, מֶען דַארְף גֵיין אוּן גֵיין, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶוערְט עֶס אַזוֹי שֵׁיין אוּן גֶעשְׁמַאק אַז מֶען קוּמְט אָן אִין שְׁטָאט גְרִינְג אוּן שְׁנֶעל".

הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה אָנְגֶערוּפְן: **"קֵיינֶער הָאט מִיר נָאכְנִישְׁט בַּאזִיגְט אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגְל וָואס הָאט מִיר אַזוֹי שֵׁיין גֶעעֶנְטְפֶערְט"**.

#### דִי גוֹיי'אִישֶׁע קִינְדֶער זִיצְן שְׁטִיל

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט וָואס דָאס הָאט מִיט אוּנְז, וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה; אִין יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט אִין לֶעבְּן אִיז פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אַ קוּרְצֶע - לַאנְגֶע וֶועג, אוּן אַ לַאנְגֶע - קוּרְצֶע וֶועג. לָאמִיר אָנְכַאפְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל 'חִינוּךְ'; עֶס אִיז דָא אַ קוּרְצֶע, שְׁנֶעלֶע, גְרִינְגֶע וֶועג, אָבֶּער צוּם סוֹף אִיז עֶס לַאנְג, צוּם סוֹף הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וִוידֶער אִיז דָא אַ לֶענְגֶערֶע שְׁוֶוערֶערֶע וֶועג אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט מֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

לְמָשָׁל, מֶען קֶען זֶען וֶוען מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ שְׁטָאטִישֶׁע אָפִיס, גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁטֶעלְט מֶען אַהִין אַרְבֶּעטֶערְס וָואס וֵוייסְן נִישְׁט צוּ אַסַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן... מֶען דַארְף דָארְט שְׁטֵיין אוּן וַוארְטְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן, קֶען מֶען זֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דִי גוֹיי'אִישֶׁע קִינְדֶער זִיצְן דָארְט שַׁא שְׁטִיל, יֶעדֶער שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זֵייעֶר פָאוֹן, מֶען שְׁפִּילְט גֶעיִמְס, וֶוען אַ מַאמֶע זֶעט דָאס קוּקְט עֶס אוֹיס מוֹרָא'דִיג, עֶס אִיז

**וואס בלייבט אין די קינדער?**

**הערליכע דיבורים וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געזעדט צו די מלמדים נאכ'ן פארלערנען דעם בלאט גמרא.**

טייערע מלמדים; עס קומט יעצט א נייע וואך, מען דארף אריינלייגן אין די קינדער 'יראת שמים', נאר די יראת שמים בלייבט אין די קינדער.

**וואס בלייבט?**

דער ראש ישיבה האט אויסגעפרעגט עטליכע מלמדים וואס זיי געדענקען פון זייערע מלמדים, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: איך געדענק פון מיין כתה ז' מלמד ווי ער האט פארגעלערנט מסכת מכות, און אויב האט ער באמערקט ווי מען הערט אים נישט אויס, האט ער זיך אנגערופן: "**קיינער הערט מיך נישט, איך רעד צו די ווענט און די דאך**", און ער האט זיך אויסגעדרייט צום וואנט און אנגעהויבן וויינען: "**שמע קולנו ה' אלקינו, רבונו של עולם העלף מיך, קיינער האלט נישט מיט, איך ווייס נישט צו וועם איך רעד**", עס האט געגעבן אזא וועק אויף די גאנצע כתה אז מען האט אנגעהויבן אויסהערן, דאס און נאך אזעלכע אינטערעסאנטע זאכן געדענק איך, און דאס גייט אריין אין די הערצער פון די קינדער, דאס תמימות און יראת שמים.

**קולות וברקים פון געוויין**

פארקערט אויך, א מלמד וואס פירט זיך מיט רציחה - געדענקט מען אויך. מיין כתה א' מלמד האט געהאלטן א קליין באטל אויפ'ן טיש, ער האט געזאגט: "**ווער עס גייט נישט מיטזאגן די עברי גייט מען אריינלייגן אין דעם באטל**", איך געדענק איינמאל האט מען שוין ארויפגעברענגט א אינגל, מען האט אים שוין אויסגעטון די שיך... און די גאנצע כתה האט אנגעהויבן אזוי צו וויינען פון שרעק, עס איז געווארן קולות וברקים פון געוויין, האט ער געזאגט אז ער גייט עס נישט טון וועגן די כתה. מען איז געזיצן ביי אים מיט אזא פחד אז מען האט זיך נישט געריהרט פון פחד, און מען רעדט דא פון קליינע כתה א' אינגלעך... דאס געדענקט מען אויך אויף אייביג לחרפות לדראון עולם.

**דער גאלדענע זייגער**

פארגאנגענע וואך (ווינטאג פרשת וישלח שנת תשע"ח) האב איך דערציילט ביי א שיעור צוויי מעשיות. איינס - וואס מיר האבן געהערט שבת ביי סיפורי מעשיות; אז עס איז געווען א חתן וואס איז אריבער געגאנגען א טאג פאר זיין חתונה צו זיין ראש ישיבה, דער ראש ישיבה באמערקט אויף אים אז עפעס איז ער נישט פריילעך, זיין פנים האט אויסגעזען זייער שלעכט, פרעגט ער אים: "**וואס גייט פאר? דו גייסט דאך מארגן נאכט חתונה האבן, וואס ביסטו אזוי פארטרויערט**?" ענטפערט דער חתן: "**איך האב א זאך וואס דרוקט מיר שוין פון כתה ג', איך שפיר אז איך קען נישט גיין צו מיין חתונה ווילאנג עס דרוקט מיר, איך דארף אן עצה**".

דער ראש ישיבה בעט דער חתן זאל זיך אוועקזעצן, און ער הייבט אן דערציילן, ווען איך בין געווען אין כתה ג', איז א אינגל פון מיין כתה איין טאג געקומען אין חדר מיט א טייערע גאלדענע זייגער, אלע קינדער האבן געקוקט דערויף, איך האב עס געוואלט אהיים טראגן צו ווייזן פאר מיינע עלטערן, האב איך עס אריין געלייגט אין מיין טאש. ווען דער אינגל איז אהיים געקומען האט ער זיך געכאפט אז ער האט נישט דעם זייגער, האט ער געזאגט פאר זיין מאמע אז ער האט נישט דעם זייגער, די מאמע האט אנגערופן דעם מלמד, צומארגנס רופט דער מלמד אויס אין כתה: "**עס איז דא א גנב אין אונזער כתה, א אינגל האט גע'גנב'עט א גאלדענע זייגער, דער גנב זאל זיך מודה זיין**", פארשטייט זיך אז קיינער האט זיך נישט מודה געווען ברבים, האט ער געזאגט: "**איך זע אז קיינער איז זיך נישט מודה, וועל איך דורך קוקן יעדנ'ס טאש**".

פאר מיר איז שלעכט געווארן ווייל איך האב געהאט דעם זייגער אין מיין טאש, האב איך ארויסגעצויגן דעם זייגער פון טאש און עס אריין געלייגט שטילערהייט אינעם טאש פון דעם אינגל וואס איז געזיצן נעבן מיר אויף מיין באנק, דער רבי איז אנגעקומען צו יענעמ'ס טאש און ער שלעפט ארויס דעם זייגער פון זיין טאש, ער פרעגט אים שטרענגערהייט: "**וואס איז דאס?!**" ענטפערט דער אינגל: "**איך ווייס נישט!**" דער רבי גיבט אים א פאטש און פרעגט אים נאכאמאל: "**וואס איז דאס?!**" דער אינגל ענטפערט נאכאמאל: "**איך ווייס נישט!**" דער רבי גיבט אים נאך צוויי פעטש זאגענדיג: "**זיי זיך מודה או דו ביסט דער גנב!**" זאגט דער אינגל: "**איך האב עס נישט גע'גנב'עט!**" פרעגט אים דער רבי: "**אויב אזוי ווי אזוי קומט עס אן אין דיין טאש?!**" ענטפערט ער: "**איך ווייס נישט**".

דער אינגל האט אנגעהויבן וויינען: "**גלייב מיר, איך בין נישט קיין גנב!**" האט דער רבי געזאגט: "**עס איז נישט דא אזא זאך, דו ביסט דער גנב!**" מען האט אים אנגעטון א קרוין מיט'ן אויפשריפט: "**איך בין א גנב**", מען האט אים ארומגעפירט צו אלע כיתות, און דער מלמד האט געהייסן יעדער זאל ווארפן זאכן און שפייען אויף אים, אזוי ווי מען טוט פאר א גנב וואס איז זיך נישט מודה...

דערציילט דער חתן ווייטער: זייט יענעם טאג האב איך נישט קיין מנוחה; נאכדערצו אז דורך דעם איז יענער אינגל אראפ פון אידישן וועג רחמנא לצלן, ער פירט זיך אויף ווי א גוי, פארשטייט זיך אז א כתה ג' אינגל ווייסט נאכנישט ווי אזוי מען גייט ארויס לתרבות רעה, אבער אין כתה ט איז ער אראפ פון וועג. איך שפיר אז איך קען נישט גיין אזוי צו מיין חתונה, איך האב געמאכט א איד זאל זיך אויספירן ווי א גוי!

זאגט אים דער ראש ישיבה: "**אוודאי דארפסטו תשובה טון, אבער מען קען נישט זאגן אז דו ביסט שולדיג, דו ביסט נאך געווען א קטן, דער רבי וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף דעם וואס ער האט אזוי פארשעמט דעם אינגל**".

לאמיר זאגן אז דער אינגל האט טאקע גע'גנב'עט דעם זייגער, איז וואס? דארף מען אים ארום טראגן צו אלע כיתות מיט א קרוין אז איך בין דער גנב?! האט דער רבי אליינס נישט גע'גנב'עט אלס קינד?! דער רבי האט א נס אז ער איז געבליבן א איד, אדער ווייל מען האט אים נישט געכאפט ביי זיין גניבה, אדער האט מען אים יא געכאפט ביי די גניבה, נאר מען האט אים געגעבן א קליינע פעטשעלע, א קליינע קנס, מען האט אים נישט פארשעמט און אוועק גענומען זיין גאנצע זיכערקייט און געוויזן אז ער איז גארנישט ווערד.

**קיינער טאר נישט קוקן אויף אים...**

ביי יענע שיעור (פון ווינטאג וישלח, תשע"ח) האב איך צוגעלייגט אז היינט איז איינער צוגעקומען צו מיר, ער זאגט מיר: איך מוז דערציילן פאר'ן ראש ישיבה א מעשה וואס איך האב נאך פאר קיינעם נישט דערציילט, עס ליגט שוין ביי מיר פון נורסערי; ווען איך בין געווען א דריי יעריג קינד אין נורסערי, האב איך איינגעמאכט אין חדר, האט מיר מיין מלמד אראפגעצויגן די הויזן און אונטער הויזן און געזאגט פאר אלע קינדער: "**קיינער טאר נישט קוקן אויף אים ווייל עס איז נישט איידל**", און ער האט מיר אזוי געשטעלט ביים ווינקל פון כתה פון צוועלף אזייגער ביז סוף טאג... [ממש וואס די נאצי'ס ימח שמם האבן געטון מיט די אידן ביים קריג], אלע קינדער האבן 'אדער יא' - 'אדער נישט' געקוקט און געלאכט פון מיר.

ער זאגט מיר: איך האב עס פאר קיינעם נאכנישט דערציילט, אפילו פאר מיינע עלטערן, נאר נאכן הערן די מעשה מיט די גאלדענע זייגער האב איך געשפירט אז איך מוז עס דערציילן. יעדער קוקט די בילדער פון די אפשערן, איך קען נישט קוקן די בילדער פון מיין אפשערן, ווייל דער מלמד האלט מיך אויף זיין שויס, איך וויל זיך נישט דערמאנען וואס ער האט געטון פאר מיר. און יעדן ערב יום כפור ווען איך זאג 'תפלת זכאי' און איך וויל אים מוחל זיין, ווייל וואס וועל איך האבן פון אים נישט מוחל זיין? שפיר איך אבער אז איך קען אים נישט מוחל זיין, ער האט מיך אזוי פארשעמט און שרעקליך אונטער געריסן.

**פיל ערגערע מעשיות**

מען האט א נאמען געגעבן פאר דעם שיעור: "**א מלמד א רוצח**", און דער שיעור איז אנגעקומען צו זייער אסאך מענטשן. פון דעמאלט האלטן מענטשן אין איין איבער לאזן מעסעדזשעס: "**זייט מוחל, דער ראש ישיבה זאל מיך רופן איך וועל דערציילן אסאך שטערקערע מעשיות פון מיין מלמד**", "**איך וויל נישט צונעמען די צייט פון דער ראש ישיבה, אבער די אלע מעשיות וואס איר דערציילט אז א אינגל האט איינגעמאכט און מען האט אים אויסגעטון, דאס איז נאך גארנישט, איך וועל אייך דערציילן וואס מען האט געטון מיט מיך, וועט איר האבן וואס צו דערציילן**", "**ווען איר האט אפאר מינוט רופט מיר, איך וויל אייך דערציילן פיל ערגערע מעשיות וואס מען האט געטון מיט מיר**", אזוי

>>>

# בְּרִיוְון פוּן הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## וָואס טוּ אִיךְ אַז נָאךְ אַ בָּחוּר גְלִיטְשְׁט זִיךְ מִיר אַרוֹיס פוּן הַאנְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַייךְ אִיבֶּער מַיינֶע צְוֵויי בָּחוּרִים וָואס מַאכְן מִיר פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מַיין דְרִיטֶער בָּחוּר, אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, וָואס סְטְרַאשֶׁעט מִיר אוֹיךְ צוּ מַאכְן צָרוֹת, אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיס הֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פִּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵויין מִיט דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער; אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער: ״דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ״; מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלְסְדִינְג פּוּעֶלְ׳ן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה. ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף. אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט נָאךְ נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה - דָאךְ אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ.

נֶעם דֶעם סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן לֶערְן דוּרְךְ אוֹת בָּנִים; דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, זַיי מְקַיֵּים וָואס דָארְט שְׁטֵייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, יִקְרָא בְּכָל יוֹם מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית״, דֶער וָואס הָאט צַעַר גִּדּוּל בָּנִים זָאל לֶערְנֶען דִי מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית; פָאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט אַ תְּמִימוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב רעג)

# המשך חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

<<

אַזוֹי גְרִינְג, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי רוּאִיג, זֵיי וֵויינֶען נִישְׁט , זֵיי שְׁטֶערְן נִישְׁט, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז נִישְׁט דָא קַיין לֶעבְּן.

### צוּם סוֹף הָאט מֶען נַחַת

נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, זִי קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אִירֶע קִינְדֶער קַיין אֵייפַּאד, קַיין טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוּמֶעטִיג, זֵיי וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן, דָאס אִיז טַאקֶע אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג, עֶס אִיז שְׁוֶוערֶער, אָבֶּער צוּם סוֹף אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט מֶען פוּן נַחַת פוּן זֵיי.

### אִינְוֶועסְטִירְן אִין דֶעם

חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, וִוי מֶער מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין דֶעם, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען הֶערְט זֵיי אוֹיס, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי, מֶען שְׁפִּילְט מִיט זֵיי גֶעיִמְס, וֶוערְט עֶס אַ קוּרְצֶערֶע וֶועג אוּן מֶען הָאט נַחַת פוּן זֵיי.

עֶס אִיז טַאקֶע אַ לַאנְגֶע וֶועג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם, עֶס אִיז מִיר אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **״דָא הָאסְטוּ אַ טֵיימְאַוּט״, ״דָא הָאסְטוּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער״, ״קוּק דֶעם קְלִיפּ״**, אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען גֵיין רֶעדְן מִיט מַיינֶע חַבֵר׳טֶעס, אִיךְ וֶועל אַבִּיסְל קֶענֶען גֵיין אַיינְקוֹיפְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין, זֵיי וֶועלְן זָאגְן: **״מַאמִי גֵיי יֶעדְן טָאג מִיט דַיינֶע חַבֵר״טֶעס, גֵיי יֶעדְן אַיינְקוֹיפְן, נָאר לָאז אוּנְז נִיצְן דִי קָאמְפְּיוּטֶער״**, דָאס אִיז אַ קוּרְצֶע וֶועג, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס אַ לַאנְגֶע וֶועג, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ מַאמֶע וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אִירֶע קִינְדֶער, יֶעדְן טָאג אִיז אַ לַאנְגֶע טָאג, אִיךְ דַארְף אוֹיסְטְרֶעפְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען הַיינְט מַאכְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, וָואס אִיךְ קֶען הַיינְט זֵיי דֶערְצֵיילְן, אוּן וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ הַיינְט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶוערְט עֶס אַ קוּרְצֶע וֶועג מֶען הָאט נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

### שְׁפֶּעטֶער לַייְדְן בֵּיידֶע

לָאמִיר רֶעדְן פוּן נָאךְ אַ פְּרַט, פוּן שְׁלוֹם בַּיִת; עֶס אִיז דָא אַ קוּרְצֶע וֶועג, אִיךְ וֶועל שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן, אִיךְ וֶועל אִים סְטְרַאשְׁן, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס אַ לַאנְגֶע וֶועג, וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען בּוֹיט אוֹיף אַ לֶעבְּן, שְׁפֶּעטֶער לַייְדְן בֵּיידֶע.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ לַאנְגֶע וֶועג, אִיךְ וֶועל וַוארְטְן, אִיךְ וֶועל שְׁלִינְגֶען, אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין, אִיךְ וֶועל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, אִיךְ וֶועל אִים נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים שֵׁיין, שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶס וֶוערְן אַ קוּרְצֶע וֶועג, מֶען הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן

דָאס אִיז דִי מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ וָואס רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז **״קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט אִיבֶּער גֶעקְלוּגְט אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגְל״**, אַז מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין הָאט מֶען אַ גוּטֶע לֶעבְּן.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס חוֹדֶשׁ אֲדָר תשע״ז לִפְרָט קָטָן)

# חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם ׳דַף שִׁיעוּר׳ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

הַאלְטְן מֶענְטְשְׁן אִין אֵיין שִׁיקְן מֶעסֶעדְזְשֶׁעס; זֶעסְטוּ וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער.

### דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵייט וִויסְן

דֶער מְלַמֵּד כַאפְּט זִיךְ נֶעבֶּעךְ נִישְׁט, עֶר מֵיינְט אַז עֶר זִיצְט יֶעצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט וִויסְן וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה א, פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ) **״אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים״**, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵייט גֶעוווּאוֹיר וֶוערְן וֶוער דוּ בִּיסְט! דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נָאר אוֹיפְצוּלֶעבְן דִי קִינְדֶער.

וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער? דִי ׳יִרְאַת שָׁמַיִם׳ דִי ׳אֱמוּנָה׳, דִי לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט זִיךְ **אָנְגֶערוּפְן צוּם מְלַמֵּד פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער:** רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, פוּן קוּשְׁן דִי צִיצִית, אוּן טַאנְץ מִיט זֵיי: **״אַ מְחַיֶּה צִיצִית״, ״אַ מְחַיֶּה קַאפְּל״**, דָאס זָאלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען אַ גַאנְצְן לֶעבְּן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס: **״יֶעצְט דַארְף מֶען גֵיין עֶסְן פְרִישְׁטָאג, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה פַאר מֶען עֶסְט פְרִישְׁטָאג״.**

צוּ באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876